בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**

**ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס כ"ד, פרשת וירא - חיי שרה, תשע"ט

# תוכן השיעור


'אמת ואמונה'

'לכל אשר יקראהו באמת'!

'הן אמת חפצת בטוחות'

'להט החרב המתהפכת'

'כל יומא אית ליה גדר מלבר'

'היום יום'...

'ואם יצא חובת היום אשרי לו'

ער "טוהט" א ליגן...

'לעולם יהא אדם ערום ביראה'

'עצת הצדיקים - כולו זרע אמת'

"לעולם יקדים אדם תפלה..."

'מיעוט מחזיק את המרובה'...

"דרשה געשאנק"!

'בית צדיקים יעמוד'...

'ובכן מה נהדר היה כהן גדול'...

'והזריז הרי זה משובח'...


להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

(ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל)

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 24


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)


**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**


מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

# פרשת בא, תשל"ד

## - מתוך שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ז' -

(טייפ מס' 12)

## 'אמת ואמונה'

(חסר ההתחלה, כנראה שהשיחה נמשכה מתוך שיעור בליקוטי מוהר"ן תו' ז' אות ב'; אֲבָל אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמוּנָה אֶלָּא עַל יְדֵי אֱמֶת, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר (בָּלָק קצח:): "וְהָיָה צֶדֶק אֵזוֹר מָתְנָיו וֶאֱמוּנָה" וְכוּ' (יְשַׁעְיָהוּ י"א) הַיְנוּ צֶדֶק, הַיְנוּ אֱמוּנָה. וְאָמְרוּ שָׁם: 'אֱמוּנָה אִתְקְרִיאַת, כַּד אִתְחַבַּר בַּהּ אֱמֶת').

**- עס שטייט אין זוה"ק,**[א] (על הפסוק) **"והיה צדק אזור מתניו והאמונה אזור חלציו", איז דאך די קשיא; "היינו צדק, היינו אמונה"? ענטפערט דער זוהר הקדוש; "אמונה אתקריאת כד אתחבר בה אמת"! ווען הייסט עס אמונה? ווען ס'איז מחובר מיט אמת!**

אין אן הלכה רעדט רבי נתן דערפון זייער אסאך;[ב] 'אמונה' איז דאך אויך דא 'אמונות כוזביות', אמונה איז דאך א זאך וואס איך גלייב, איך גלייב! איך פארשטיי נישט! איז דאך דא 'אמונות כוזביות' - אסאך 'אמונות'?!

---

[א] פרשת בלק דף קמ"ג.

[ב] עי' ליקוטי עצות - ערך אמת ואמונה אות ד'; אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמוּנָה כִּי אִם עַל־יְדֵי אֱמֶת (הַיְנוּ כִּי עִקַּר הָאֱמוּנָה אֵינָהּ אֶלָּא בְּמַה שֶּׁאֵין הַשֵּׂכֶל מֵבִין, כִּי בְּמָקוֹם שֶׁהַשֵּׂכֶל מֵבִין אֵין שַׁיָּךְ אֱמוּנָה, וְאִם כֵּן כְּשֶׁאֵין הַשֵּׂכֶל מֵבִין, מֵהֵיכָן יָבוֹא לְהַאֲמִין בְּמַה שֶּׁצָּרִיךְ לְהַאֲמִין, עַל־כֵּן עִקַּר הָאֱמוּנָה תְּלוּיָה בָּאֱמֶת, שֶׁאִם יִרְצֶה הָאָדָם לְהִסְתַּכֵּל עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ יָבִין מֵאֵלָיו, שֶׁצְּרִיכִין לְהַאֲמִין הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה בַּשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים וּבְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, אַף עַל פִּי שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהָבִין בְּשִׂכְלֵנוּ הַמְגֻשָּׁם, כִּי עַל־יְדֵי הִסְתַּכְּלוּת עַל הָאֱמֶת בְּעֵין הָאֱמֶת, יָבִין מֵרָחוֹק שֶׁהָאֱמֶת הוּא כָּךְ, רַק שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהָבִין בְּשֵׂכֶל וּצְרִיכִין רַק לְהִתְחַזֵּק בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה. וְהָבֵן הֵיטֵב): [וע' מזה בארוכה בליקוטי הלכות הל' פסח הלכה ז' אות ב', והל' חלב ודם הלכה ד' אות ב', והל' נדה הלכה ב' אות ב'].

נאר אז די 'אמונה' איז מיט 'אמת', אז ס'איז מיט 'אמת' - מיט 'אמת' הייסט עס 'אמונה'! אז נישט - הייסט עס נישט קיין אמונה! אָן אמת איז נישט קיין אמונה! קומט אוים אז אמונה מוז האבן אמת!

*

ס'איז דא א ווארט פון רבי'ן, דער רבי האט געזאגט;[ג] **"איך האב אין אייך אסאך אמת אריינגעבראכט"!**

דער אמת וואס מיר האבן פריער גערעדט, א מענטש זאל זיך אוועקשטעלן אויף א שטיקעלע אמת, דארף ער האבן א שייכות מיט'ן "מקור האמת"! דער אויבערשטער איז דער מקור האמת - דאס איז דער אמת לאמיתו!

אז דער מענטש רעדט דיבורים צום אויבערשטן - - ער רעדט דאך 'אלעמאל' צום אויבערשטן, דער רבי האט טאקע קובע געווען התבודדות א 'שעה', אבער דער ענין פון זיין מיט'ן אויבערשטן איז פשט - נישט נאר די 'שעה', דער מענטש דארף זיין 'תמיד' - "אני תמיד עמך" זאגט דוד המלך! איך בין תמיד מיט דיר! אני תמיד עמך - איך בין תמיד מיט דיר!

דער מענטש, דער אמת'ער מענטש (לעבט אזוי) - אז מען קען זיך נישט געבן א ריר אָן דעם אויבערשטן! מען קען זיך נישט געבן א דריי אָן דעם אויבערשטן!

"מען קען נישט קומען צו אמונה נאר דורך אמת"! וואס דער מענטש איז זיך מרגיל - ער רעדט מער צום אויבערשטן דיבורים - איז ער נענטער צום אמת! ווייל דער אויבערשטער איז דער מקור האמת, און דער אויבערשטער האט ליב אמת!

*

# 'לכל אשר יקראהו באמת'!

מען האט שוין גערעדט אמאל; "קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראהו באמת", פרעגט זיך דער קשיא; קרוב השם 'לכל' קוראיו - איז טייטש "אלעמען", נאכדעם איז דא א מיעוט; לכל אשר יקראהו 'באמת', איז עפעס א 'מיעוט' - נאר די וואס זענען 'יקראהו באמת', איז דאך נישט צו אלעמען?!

[ג] עי' חיי מוהר"ן אות תקל"ח.

נאר דער טייטש איז אזוי; דער אויבערשטער איז נאנט 'לכל קוראיו', אבער דאס דארף זיין - עס זאל זיין מיט אַן אמת! וויפיל ער האט אין זיך התלהבות - 'לכל קוראיו' - איז דער אויבערשטער נאנט, נאר אלס ס'זאל זיין באמת! ס'זאל זיין 'קוראיו באמת', 'לכל אשר יקראהו באמת'!

אבער וויבאלד ער איז 'יקראהו באמת' - מעג זיין - זאגט דער רבי אין די תורה פון 'צוהר תעשה לתיבה';[ד] "באיזה מדריגה נמוכה שהוא"! אבער מיט 'אמת'!

*

ס'איז א געוואלדיגע זאך, א מענטש - אז ער איז 'באמת', ווי אזוי ער איז - איז ער ביים אויבערשטן חביב! ביים אויבערשטן חשוב! הערט דער אויבערשטער זיין דיבור!

מעשיות איז דא, מענטשן וואס זענען געווען 'עמי הארצים', זיי האבן נישט געקענט קיין עברי! און ביים אויבערשטן איז געווען חביב זיין דיבור אויך, זיין דיבור איז מקויים געווארן, ווער ער איז! קען זיין ער איז אַן 'עם הארץ'!

ער גייט דאך אריין - ער וויל דאך ווערן 'אוים עם-הארץ', אבער ער הויבט אָן ווערן מקורב צום אויבערשטן, איז ער ממש נאך אזוי פראסט - -

מיר האבן געקענט אזעלכע מענטשן, אזעלכע מענטשן זענען געווארן מקורב, ממש זיי האבן נישט געקענט קיין עברי!

דער "נחמן שוסטער", יאסעלע'ס זיידע (- שוכמאכער) 'שטראקס', עטליכע ברודער געווען, זיי זענען געווען 'פיר - פינף' ברידער, ער איז געווען דער פראסטערער פון זיי! אזוי פראסט, ער האט גארנישט געקענט, ער האט נישט געקענט דאווענען - נישט געקענט, אזוי פראסט איז ער געווען!

---

[ד] עי' שם בלקו"מ תו' קי"ב; ... וְהָעִקָּר, שֶׁבִּתְפִלָּתוֹ וּתְחִנָּתוֹ וּבַקָּשָׁתוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְדַבֵּר שׁוּם דִּבּוּר בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים, מִגֹּדֶל הַחשֶׁךְ וְהַבִּלְבּוּל הַמְסַבֵּב אוֹתוֹ מְאֹד מְאֹד מִכָּל צַד, אַף עַל פִּי כֵן, עַל כָּל פָּנִים יִרְאֶה לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה נְמוּכָה שֶׁהוּא. כְּגוֹן לְמָשָׁל, שֶׁיֹּאמַר; "ה' הוֹשִׁיעָה", בֶּאֱמֶת. אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר בְּהִתְלַהֲבוּת וְהִתְעוֹרְרוּת כָּרָאוּי, אַף עַל פִּי כֵן יֹאמַר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, כְּפִי מַה שֶּׁהוּא. וְעַל יְדֵי הַדִּבּוּר הָאֱמֶת, יִזְכֶּה לִרְאוֹת הַפְּתָחִים שֶׁבְּתוֹךְ הַחשֶׁךְ, וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לָצֵאת מֵחשֶׁךְ לְאוֹר, וּלְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי ...

איך בין געקומען אמאל - ער איז געווען אין אומאן, פון קיבליטש בין איך געקומען קיין אומאן אויף פורים - -

ער איז געקומען פון לומאז, נאכדעם האט ער געוואוינט אין בארדיטשוב, א שוסטער געווען, זיי זענען געווען פיר ברידער שוסטער'ס, ס'איז געווען א פעטער א שוסטער, און דער פאטער זייערער איז געווען א שוסטער, זיי זענען אלע געווען ערליכע אידן, און ער איז געווען דער פראסטער.

- ער איז געקומען צו פארן פון בארדיטשוב, און איז אויך געווען פורים אין אומאן, ער איז געווען ביי נחום שוסטער (אחיו של נחמן), און איך בין אויך געווען ביי נחום'ען.

רופט זיך אן נחום צו מיר; "ער וויל דאך גארנישט חתונה האבן, רעד מיט איהם - זאל ער חתונה האבן"! - 'נחמן' - ער וויל גארנישט חתונה האבן, וואס טוהט מען מיט איהם?!

האב איך אנגעהויבן מיט איהם צו רעדן, און "רבי אברהם ר' נחמן'ס" האט מיט איהם גערעדט, מען האט איהם געמאכט א שידוך, ער האט חתונה געהאט![ה]

ער איז געווען אבער אזוי פראסט, ער האט צוגענומען צו זיך א מלמד זאל לערנען מיט איהם "א-ב" און עברי, און נאכדעם האט ער שוין געקענט לערנען א שטיקל ליקוטי מוהר"ן, ער האט געקענט לערנען א סעיף אין שלחן ערוך!

אבער די רייד - דער ענין פון 'תפילה' וואס מען האט אין איהם ארייגעבראכט, ער זאל רעדן צום אויבערשטן דיבורים, דאס איז אזוי חשוב, האט מען דאס געזעהן - אז ממש ווער ער איז, וואס ער איז, און ווער ער איז - אז ער האט א שייכות צום אויבערשטן, ווערט אין איהם אריינגעשפראצט דעם אמת!

און דער 'אמת' איז השי"ת אליין! השי"ת אליין איז דער "אור האמת", "ה' אורי", דער אויבערשטער שיינט! אז מען רעדט מיט אמת, דעמאלטס איז ה' אורי - דער אויבערשטער איז מיין לעכטיגקייט אליין![ו]

---

[ה] עי' שיש"ק ח"ה אות רנ"ד.

[ו] עי' בליקוטי מוהר"ן תו' קי"ב; ... וְעִקַּר הַכַּוָּנָה, שֶׁכַּאֲשֶׁר הוּא מְשֻׁקָּע בְּתַכְלִית הִתְגַּבְּרוּת הַחֹשֶׁךְ וְהַקְּלִפָּה, וְהוּא כָּלוּא וּמְסֻגָּר בְּתוֹךְ הַחֹשֶׁךְ אֲפֵלָה, הַמְסַבֶּבֶת וּמַקֶּפֶת אוֹתוֹ מִכָּל צְדֵי צְדָדִים בְּכַמָּה סִבּוּבִים רח"ל, וְאֵין

האט דער רבי אזעלכע פראסטע מענטשן, וואס ממש אויבן איז ער זיך 'מתפאר' מיט זיי, ער באריסמט זיך מיט זיי, "ישראל אשר בך אתפאר"![י]

ווארן ער האט אריינגעבראכט אזא מין אמונה, ווען מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים, איז דאך ממילא - אמונה איז דאך 'תפילה' - איז ער נאנט צום אויבערשטן! איז ער ביים אויבערשטן זייער חשוב!

"לכל קוראיו" - נאר אבי ער איז א "קוראיו באמת", "לכל אשר יקראוהו באמת"!

*

## 'הן אמת חפצת בטוחות'

זאגט דער רבי אזוי;[ח] אמונה מוז האבן 'אמת', אמונה מוז האבן 'אמת'! ווי קען מען קומען צום אמת? זאגט דער רבי, דורך התקרבות לצדיקים, און ער זאל גיין "בדרך עצתם"!

זיין מקורב צום צדיק, און מיט זיינע עצות! פאלגן דעם צדיק, גיין מיט די עצות פון דעם צדיק! דעמאלטס ווערט אין איהם אויסגעקריצט אמת, וועט ער קומען צו אמת!

"דורך התקרבות לצדיקים - און גיין מיט זייערע עצות - וועט ווערן אין איהם אויסגעקריצט אמת"!

*

אמת איז אזא מין זאך - אמת איז א 'סמא דחיי' זאגט די גמרא![ט] אמת איז א 'סמא דחיי', אזא מין רפואה פון חיים!

---

לוֹ שׁוּם פֶּתַח וְתַקָּנָה וְתַחְבּוּלָה לָצֵאת מִתּוֹךְ הַחשֶׁךְ, אֲזַי עִקַּר עֲצָתוֹ שֶׁיַּמְשִׁיךְ עַצְמוֹ לְהָאֱמֶת, וְיַבִּיט עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וִיבַקֵּשׁ רַק הָאֱמֶת הָאֲמִתִּי, וּכְנֶגֶד זֶה אֵין שׁוּם חשֶׁךְ וְסִבּוּב שֶׁיַּחֲשִׁיךְ לוֹ, כִּי הָאֱמֶת הוּא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, וְהוּא בְּחִינַת "ה' אוֹרִי", וְכֵיוָן שֶׁה' אוֹר לוֹ, אֵין שׁוּם חשֶׁךְ שֶׁיַּחֲשִׁיךְ אוֹתוֹ, וּבְוַדַּאי יִזְכֶּה לִרְאוֹת הַפְּתָחִים לָצֵאת מֵהַחשֶׁךְ...

[י] עי' חיי מוהר"ן אות רצ"ג (בהשמטות) וז"ל; אָמַר, עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אוֹמֵר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ "יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר"!

[ח] בליקוטי מוהר"ן תו' ז' שם באות ג'; ... וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמֶת, אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקָרְבוּת לְצַדִּיקִים וְיֵלֵךְ בְּדֶרֶךְ עֲצָתָם, וְעַל יְדֵי שֶׁמְּקַבֵּל מֵהֶם עֲצָתָם, נֶחְקָק בּוֹ אֱמֶת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים נ"א): "הֵן אֱמֶת חָפַצְתָּ" כְּשֶׁאַתָּה חָפֵץ אֱמֶת; "בַּטֻּחוֹת וּבְסָתֻם חָכְמָה תוֹדִיעֵנִי"...

דער אמת איז אומעטום, וואס איך טוה; איך לערן - איז תורת אמת! איך דאווען - איז תפילת אמת! איך רעד א דיבור - איז עס א דיבור אמת! איך גיב צדקה - איז די צדקה מיט אמת!

דער אמת גייט מיר ארום, ער איז א 'סמא דחיי', א סם פון לעבן! דער אמת פירט מיר אומעטום - וואס איך טוה און ווי איך גיי, דער אמת פירט מיך![י]

קומען צום אמת - זאגט דער רבי - איז דורך 'התקרבות לצדיקים' און גיין 'בדרך עצתם' - זאגט דער רבי - וועט ווערן אין איהם אויסגעקריצט דער אמת!

נו, אוודאי, דארף מען דאך אוודאי 'מקיים זיין'! זיין מקורב צום צדיק - און גיין מיט זיינע עצות, 'גיין מיט זיינע עצות'! פאלגן דעם צדיק!

*

# 'להט החרב המתהפכת'

'פאלגן דעם צדיק' איז אויך דאס איינציגע, אז מען וויל (אנהויבן) מיינט מען אז דאס איז עפעס שווערינקייטן, אזא מין שווערע זאך - דער צדיק מאכט איהם עפעס שווערינקייטן, ער ווארפט ארויף אויף איהם אזא מין משא! אבער דער אמת איז אז ס'איז נישט אזוי שווער!!!

א מענטש - אז ער איז א איש משא ומתן, ווייסן אלע אז די משא ומתן איז פיל שווערער! אפילו ער האט א 'געשעפט', ווערט ער אויסגעריסן, אויסגעפינסטערט, אזוי שווער ממש, זיי זאגן אלע אז ס'איז א געוואלד, ער קען גארנישט אויסהאלטן![יא]

---

[ט] עי' סנהדרין דף צ"ז ע"א.

[י] עי' ליקוטי הלכות תפלת המנחה ו' אות ה'; ... כִּי הֶחָפֵץ בָּאֱמֶת מוֹסְרִין לוֹ מַלְאָךְ שֶׁל אֱמֶת (עי' תנא דבי אליהו זוטא פרק ג'), וְיִזְכֶּה לֵידַע הָאֱמֶת - כִּי אֱמֶת הוּא אוֹר ה' יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, וּמִי שֶׁחָפֵץ בָּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ מֵאִיר לוֹ ה' יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ לָצֵאת מִתּוֹךְ הַחֹשֶׁךְ וָאֲפֵלָה, (כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה וְכוּ'. עַיֵּן שָׁם בְּסִימָן ט') ...

[יא] עי' חיי מוהר"ן סי' תקנ"ח; ... שָׁמַעְנוּ פַּעַם אַחַת מִשִּׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת, שֶׁאָמַר בְּפִיו הַקָּדוֹשׁ, שֶׁהָעֲבוֹדָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּגְּדוֹלוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, קַלָּה בְּיוֹתֵר לַעֲשׂוֹת מֵעֵסֶק קִנְיָן שֶׁמַּטְרִיחִין עַצְמָן בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה וְעִסְקֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, כִּי הֲלֹא אָנוּ רוֹאִין כַּמָּה יְגִיעוֹת יְגַע הָאָדָם בִּשְׁבִיל לִנְסֹעַ עַל אֵיזֶה יָרִיד וְיוֹמָא דְשׁוּקָא, שֶׁתֵּכֶף בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת צָרִיךְ לִטְרֹחַ וּלְחַפֵּשׂ אַחַר עֲגָלָה, וְנֶחְפָּז מְאֹד לִטְעֹן סְחוֹרָתוֹ עַל הָעֲגָלָה בִּיגִיעָה

נו, וואס איז אזוי די שווערינקייט פון אידישקייט? זיך אראפזעצן אין א ווינקעלע רעדן צום אויבערשטן?! ער שטייט אויף, לערנט אביסל, טוהט צדקה, וואס איז אזויפיל שווער?! וואס איז דער אויבערשטער פאר מיר אזוי א שווערינקייט?!

מ'דארף מאכן א חשבון, וואס וויל ער דען פון מיר? אזויפיל שווערינקייט?! דער משא ומתן איז דאך פיל שווערער! דער קלענסטער משא ומתן - גיבט מען דאך אוועק דעם טאג מיט'ן נאכט, מיט דעם מח, מיט דעם הארץ, מיט אלע זאכענישן! ווער שמועסט נאך - נאך שווערערע זאכן!

נאר וואס דען? אויך דאס אייגענע - דער בעל דבר מאכט אזא מין כבידות, אזא מין שווער!

און דאס איז אויך דערפאר - אויך ווייל ס'איז 'שקר', אבער אז ס'ווערט אין איהם אויסגעקריצט אמת, זעהט ער אז דער אויבערשטער איז גארנישט אויף מיר אזויפיל 'מכביד עול'! זעהט מען אז ס'איז גארנישט אזויפיל שווער! דער תורה הקדושה מאכט נישט אזויפיל שווער! און דער קיום התורה איז גארנישט אזויפיל שווער! אדרבה - דער מח איז דעמאלטס 'פריי', און דער מח איז 'פריילעך', און איך האב א התקשרות צו גוטע זאכן, ס'איז גארנישט אזויפיל שווער!

דער בעל דבר - מאכט ער אזא מין כבידות, אזא מין שווערינקייט, אז ס'איז געוואלד!

*

מען האט נעכטן געלערנט אין דער הלכה[יב] - - (דער יצר הרע) ער בייט איבער, בייט ער איבער, דאס איז - זאגט רבי נתן - דער חילוף פון "בן המלך ובן השפחה"!

---

גְּדוֹלָה, וְאַחַר כָּךְ צָרִיךְ לִנְסֹעַ כָּל הַלַּיְלָה, וּלְנַדֵּד שֵׁנָה מֵעֵינָיו, וּמְשַׁבֵּר כָּל גּוּפוֹ, מֵחֲמַת שֶׁצָּרִיךְ לֵישֵׁב עַל עֲגָלָה טְעוּנָה, וּשְׁאָר טְרָחוֹת וִיגִיעוֹת כַּיּוֹצֵא בָּהֶן כַּיָּדוּעַ לְהָעוֹלָם. וְאַחַר כָּךְ צָרִיךְ לַעֲמֹד כָּל הַיּוֹם עַל רַגְלָיו וְכוּ', וּבִפְרָט בִּימוֹת הַקֹּר הֶעָצוּם וְכוּ', וְכָל אֵלּוּ הַטְּרָחוֹת וְהַיְגִיעוֹת הַכְּבֵדוֹת וְהַקָּשׁוֹת הוּא מַטְרִיחַ עַצְמוֹ עַל סָפֵק, כִּי סָפֵק אִם יַרְוִיחַ אֵיזֶה רֶוַח קָטָן, אוֹ אוּלַי יְאַבֵּד גַּם הַהוֹצָאוֹת כַּמָּצוּי בְּרֹב הַפְּעָמִים.

נִמְצָא שֶׁעַל עִסְקֵי פַּרְנָסַת הָעוֹלָם הַזֶּה מַטְרִיחִין עַצְמָן כָּל כָּךְ בִּיגִיעוֹת כָּאֵלֶּה עַל סָפֵק רֶוַח קָטָן, וְהָעֲבוֹדָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּגְּדוֹלוֹת הִיא הַתְּפִלָּה, וְאַף עַל פִּי כֵן כְּשֶׁעוֹמְדִין לְהִתְפַּלֵּל מִתְפַּלְּלִין וְגוֹמְרִין הַתְּפִלָּה, (הוּבָא בְּלִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת תְּפִלַּת עַרְבִית הֲלָכָה ד' אוֹת ז).

[יב] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ג' אות י"ט; ... וּבֶאֱמֶת מַה שֶּׁאֵצֶל רֹב בְּנֵי הָאָדָם הַדָּבָר בְּהֵפֶךְ, שֶׁאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּשְׁאָר תַּאֲווֹת הַגּוּף אֵינוֹ נִקְרָא אֶצְלוֹ עֲבוֹדָה, וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים נִקְרָא אֶצְלָם עֲבוֹדָה

אין אמת וואלט געדארפט צו זיין, אז דער מענטש - אז ער קומט צום עסן, (וואלט ער געדארפט שפירן אז -) ס'איז אזויפיל שווער! א געוואלד! פארוואס זאל איך דארפן עסן?! ס'נעמט דאך פון מיר צו 'צייט'?! און וואס ווערט?! אבער איך מוז!...

איך גיי שלאפן, וואלט נישט בעסער געווען איך זאל ווינציגער שלאפן? איך זאל קענען מער (לעסוק בעבודת השם) - - דאס וואלט געדארפט זיין ביי מיר א געוואלדיגע שווערינקייט!

אבער אז איך קום צום דאווענען, צום לערנען - דאס איז דאך מיין חיות! דאס לעב איך דאך! דאס איז אינגאנצן מיין חיות!

נאר וויבאלד ס'איז דאך א חילוף געווארן, ס'איז דא א חילוף - פונעם חטא עץ הדעת אָן איז שוין געווארן דעם חילוף - וויבאלד ער האט אריינגעווארפן דעם 'זוהמת הנחש', איז שוין געווארן - 'מיתה'!

זאגט ער דארטן - "מתהפכת", רבי נתן טייטשט;[ג] 'להט החרב המתהפכת', וואס איז 'מתהפכת'? זאגט רבי נתן, מתהפכת איז א לשון 'איבערגעקערט'! פריער, פאר'ן חטא עץ הדעת, איז געווען 'גלייך', אבער נאכ'ן חטא עץ הדעת - איז געווארן 'להט החרב המתהפכת' - איז געווארן דער חילוף!

'מתהפכת' איז דא א חילוף, ס'איז שוין איבערגעקערט! - מען קערט שוין איבער, ער מאכט שוין פון די תורה מאכט ער א 'שווערינקייט', און פון די תאוות מאכט ער 'גרינג' - און דאס איז ביי איהם 'חירות'! און דאס (- רוחניות) - איז ביי איהם 'עבדות'!

---

וִיגִיעָה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת הַחִלּוּף הַנַּ"ל שֶׁנִּתְהַפֵּךְ בֶּן הַמֶּלֶךְ בְּבֶן הַשִּׁפְחָה (עי' סיפורי מעשיות מעשה י"א), עַד שֶׁסָּבְרוּ שֶׁבֶּן הַמֶּלֶךְ הוּא עֶבֶד ח"ו, וּבֶן הַשִּׁפְחָה הוּא מֶלֶךְ ח"ו, כְּמוֹ כֵן נֶהְפַּךְ הָאֱמֶת אֵצֶל הָעוֹלָם, שֶׁמִּצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, שֶׁהֵם רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ רְצוֹן הַנְּשָׁמָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת בֶּן מֶלֶךְ, זֶה נִקְרָא אֶצְלָם עַבְדוּת, וּרְצוֹן הַגּוּף, שֶׁהוּא תַּאֲוַת הַגּוּף, אֵינוֹ נִקְרָא אֶצְלָם עַבְדוּת כְּלָל, כְּאִלּוּ הָיָה הַגּוּף מֶלֶךְ ח"ו עַל הַנְּשָׁמָה, וּבֶאֱמֶת הַדָּבָר בְּהֵפֶךְ מַמָּשׁ - וּצְרִיכִין לְבַטֵּל הַגּוּף לְגַבֵּי הַנְּשָׁמָה, לִשְׁבֹּר תַּאֲוַת הַגּוּף, שֶׁהֵם בְּחִינַת עַבְדוּת וּלְבַטְּלָם לְגַמְרֵי עַד שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַגּוּף לְנֶפֶשׁ מַמָּשׁ, עַד שֶׁהַגּוּף יַעֲשֶׂה רְצוֹן הַנְּשָׁמָה שֶׁהוּא רְצוֹן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ בִּרְצוֹן טוֹב, וְלֹא יִהְיֶה נֶחֱשָׁב אֶצְלוֹ לַעֲבוֹדָה כְּלָל, וְאָז נִתְבַּטֵּל בְּחִינַת הָעַבְדוּת לְגַמְרֵי, וְזוֹכֶה לִהְיוֹת בִּבְחִינַת בֵּן, זֶה עִקַּר הַשְּׁלֵמוּת כַּיָּדוּעַ ...

[ג] עי' שם בליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ג' אות ג' ולהלאה.

איז שוין געווארן א 'חילוף', איז שוין דא א 'חילוף'! וואס איז א חילוף געווארן? דעם 'בן המלך' האט מען גערופן 'בן השפחה', און דער 'בן השפחה' - 'בן המלך'!

זאגט רבי נתן - דער 'בן המלך' דאס איז דער 'חיות הנשמה', און 'בן השפחה' דאס איז דער 'גוף' - דאס איז די 'תאוות הגוף'! פאר'ן עץ הדעת איז עס געווען גלייך, מען האט געוואוסט אז דאס איז דער מלך (- הנשמה), און ס'איז נישט קיין שום זאך געווען (- נסיונות).

(אבער נאכדעם איז געווארן -) "להט החרב המתהפכת לשמור את דרך עץ החיים"! אז ס'איז שוין געווארן דער זוהמת הנחש, איז שוין געווארן א 'מתהפכת', קערט מען שוין איבער! קערט מען שוין איבער!

אוודאי איז דא א 'מתהפכת', ס'איז דא א 'להט החרב המתהפכת' ביי יעדעם איינעם - ס'איז דא א 'להט החרב המתהפכת' וואס לאזט נישט צו!

*

# 'כל יומא אית ליה גדר מלבר'

דער רבי ברענגט טאקע אין די תורה "במה הארכת ימים"[יד] - איז דא א קליין תורה, זאגט דער זוהר הקדוש אזוי; 'לית יומא דלית ביה טוב' - יעדער טאג איז דא 'טוב'! עס שטייט טאקע, ביי יעדע טאג שטייט; 'וירא אלוקים כי טוב'!

---

[יד] תורה פ"ד, וז"ל; ... לְבָאֵר זֶה, צָרִיךְ לֵידַע מַה דְּאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשָׁה נָשֹׂא דַּף קכ"ג), וְזֶה לְשׁוֹנוֹ: 'תָּא חֲזֵי לְשִׁית יְמֵי בְּרֵאשִׁית לְכָל חַד אִית לֵהּ פַּרְצוּפֵהּ דְּהַהוּא דַּרְגָּא דְּאַנְהִיג לֵהּ, וְלָא תִּשְׁכַּח יוֹם דְּלֵית בֵּהּ טוֹב וְכוּ'. וְכָל יוֹמָא אִית לֵהּ גָּדֵר מִלְּבַר, דְּלָא יֵעוֹל כָּל בַּר נָשׁ לְהַהוּא טוֹב, כְּגוֹן חֹשֶׁךְ דְּכַסְיָא לִנְהוֹרָא וְכוּ'. וּבְגִין דָּא, מָאן דְּאִיהוּ חַיָּבָא וְיֵעוֹל לְמִנְדַּע רָזִין דְּאוֹרַיְתָא כַּמָּה נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים מְבַלְבְּלִין מַחֲשַׁבְתֵּהּ דְּלָא יֵעוֹל לַאֲתַר דְּלָאו דִּילֵהּ. אֲבָל מָאן דְּאִיהוּ טוֹב, כָּל אִילֵין נְטִירִין אִנּוּן לְמֵימְרֵהּ, וְקָטֵגוֹר נַעֲשֶׂה סַנֵּגוֹר, וְיֵעֲלוּן לֵהּ לַטּוֹב הַגָּנוּז, וְיֵימְרוּן מָרָנָא הָא בַּר נָשׁ טוֹב וְצַדִּיק וִירֵא שָׁמַיִם בָּעֵי לְעַיְּלָא קֳדָמָךְ וְכוּ'. הַהוּא טוֹב גָּנוּז יֵימָא לוֹן, פִּתְחוּ לֵיה בְּהַאי תַּרְעָא דְּאִתְקְרִי אַהֲבָה, אוֹ בְּהַאי תַּרְעָא דְּאִיהוּ תְּשׁוּבָה, כָּל צַדִּיק יֵעוֹל כְּפוּם דַּרְגָּא דִּילֵהּ.

וְאֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה (עֲבוֹדָה זָרָה יט:), וּכְשֶׁאָדָם רוֹצֶה לַהֲגוֹת וְלַחֲשֹׁב בַּתּוֹרָה, הַיְנוּ בְּרָזִין דְּאוֹרַיְתָא, אִנּוּן נְטִירִין וּנְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים מְבַלְבְּלִין מַחֲשַׁבְתֵּהּ, וְאֵלּוּ הֵם הַמַּחֲשָׁבוֹת שֶׁבָּאִין לָאָדָם. וּכְשֶׁאָדָם רוֹצֶה וְחוֹשֵׁק עַד מְאֹד, וּפוֹתְחִין לוֹ, כַּנַּ"ל בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ. אֲזַי כָּל יוֹם וָיוֹם אֶצְלוֹ גָּדוֹל עַד מְאֹד, כִּי רוֹאֶה וּמַשִּׂיג הַטּוֹב הַגָּנוּז, הַיְנוּ רָזִין דְּאוֹרַיְתָא, הַשַּׁיָּךְ לְאוֹתוֹ הַיּוֹם ...

נאר וואס דען? ביי יעדע טאג איז דא א "גדר מלבר, דלא ייעול בר נש להוא טוב" - ס'איז דא א גדר פונדרויסן, ארום דעם טאג, א מענטש זאל נישט אריינגיין אין דעם טוב פון דעם טאג! אזוי זאגט דער זוה"ק; "לית יומא דלית ביה טוב - און ס'איז דא א גדר, איך זאל נישט אריינגיין אין דעם טוב פון דעם טאג"!

דער רבי זאגט דארטן; דאס איז די 'נחשים ועקרבים' - זאגט דער זוהר הקדוש, 'נחשים ועקרבים' שטייען ארום און ארום, און לאזן נישט אריין אין דעם טאג אריין, איז דער זוהר הק' רופט עס אָן 'נחשים ועקרבים'!

אונזערע לייט פלעגן זאגן; דאס איז גאר די 'תאוות רעות' און די 'מידות רעות' - און דער זוהר רופט עס אָן 'נחשים ועקרבים'! די 'נחשים ועקרבים' וואס לאזן נישט אריין אין דעם טוב!

איז ביי 'צדיקים' איז עס געווען אזוי ווי 'נחשים ועקרבים', נחשים ועקרבים! ווארן פון וואנעט איז געווארן די גאנצע - פון דעם 'נחש' איז געווארן די גאנצע צרה! דורכ'ן 'חטא עץ הדעת' מיט אלע זאכענישן, איז נגזר געווארן מיתה מיט נידות, מיט אלעם, ל"ט מלאכות, אלעם איז געווארן - אלעם איז זיין זוהמה! איז טאקע די 'נחשים ועקרבים' לאזן נישט אריין אין דעם 'טוב'!

זאגט ער דארטן; "(אבל מאן דאיהו טוב וכו' פתחו ליה) בהאי תרעא דאתקרי תשובה - דאתקרי אהבה", קען מען אריין אין דעם טוב! איז דאס אויך דאס אייגענע, 'בכח דעם אמת'ער צדיק'!

- - וואס דער רבי רעדט טאקע אין דער מעשה;[טו] "דער 'טאג' געזעגענט זיך יעדן טאג"!

מיט דעם רבי'נס זאך - מיט דעם ענין פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים - און מיט די עצות פונעם צדיק, גייט מען באמת אריין אין דעם טוב פונעם טאג! גייט מען יא אריין!

אוודאי איז דא א 'גדר' (- מניעות), אבער ער גייט אריין אינעם טאג - וויפיל ער גייט אריין! אבער ער שטייט נישט אינגאנצן אינדרויסן, ער גייט אריין עפעס!

[טו] עפ"י סיפורי מעשיות - מעשה י"ג יום ג' 'ענין הלב והמעין', ועי' מזה בליקוטי הלכות הל' מלמדים הל' ד'.

אוודאי, אָן דעם צדיק איז אוודאי קען מען שטיין אינגאנצן אינדרויסן, אינגאנצן קען מען שטיין - מען גייט נישט אריין! דער טאג קומט אָן, דער טאג גייט אוועק, און איך גיי נישט אריין אינעם טאג! איך גיי נישט אריין אינעם 'טוב' פונעם טאג, איך שטיי אינדרויסן, איך בין נישט אריינגעגאנגען אינעם טאג!

*

## 'היום יום'...

און די אלע טעג קומען - "ויקרבו ימי" - קודם הסתלקותו קומען אלע טעג צום מענטשן![טז] דעמאלטס קומען אלע טעג! 'ויקרבו ימי דוד', ויקרבו ימי ישראל', ס'קומען אלע טעג!

ביי די צדיקים - קומען אלע טעג 'גאנץ', ער איז אריינגעגאנגען אין יעדער טאג! - -

- - (אבל מי שלא זכה לתקן כל הימים, תובעין אותו בדין על אותם הימים); "דו ביסט דאך נישט אריינגעגאנגען אין איין טאג! דו ביסט דאך נישט אין איין טאג אריינגעגאנגען! דו ביסט דאך געשטאנען - אינדרויסן ביסטו געשטאנען! דו ביסט דאך גארנישט אריינגעגאנגען אין די טעג"!!!

די טעג קומען צו גיין - און יענער ווערט פארשעמט! דאס איז מיינע טעג? דאס איז מיינע טעג וואס איך האב געהאט אין דעם עולם אזויפיל טעג?! איך שטיי דאך גאר אינדרויסן, איך בין דאך גארנישט אריינגעגאנגען אינעם טאג!

און דארטן זעהט ער דאך יא דעם טאג - דעם 'טוב' וואס ס'איז דא אין דעם טאג! דארט זעהט ער דאך - - געוואלד, "זעה וואספארא טעג דו האסט געהאט, און דו ביסט געשטאנען אינגאנצן אינדרויסן?! דו ביסט דאך גארנישט אריינגעגאנגען אינעם טאג אריין"!

[טז] עי' זוהר הקדוש ויחי דף רכ"א ע"ב, עה"פ "ויקרבו ימי ישראל למות": ... הָכִי תָּאנָא, כַּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בָּעֵי לְאֲתָבָא רוּחֵיהּ לֵיהּ, כָּל אִינוּן יוֹמִין דְּקָאִים בַּר נָשׁ בְּהַאי עַלְמָא, אִתְפַּקְדָן קַמֵּיהּ, וְעָאלִין בְּחוּשְׁבְּנָא ... זַכָּאָה חוּלָקֵיהּ דְּהַהוּא בַּר נָשׁ, דְּיוֹמוֹי אִתְקְרִיבוּ גַּבֵּי מַלְכָּא בְּלָא כִּסּוּפָא, וְלָא דָחֵי יוֹמָא מִנַּיְיהוּ לְבַר, דְּיִשְׁכַּח בְּהַהוּא יוֹמָא, דְּאִתְעֲבִיד בֵּיהּ חוֹבָא. בְּגִין כָּךְ, כְּתִיב בְּצַדִּיקַיָא, קְרִיבָה, מִשּׁוּם דְּקָרִיבוּ יוֹמוֹי קַמֵּי מַלְכָּא, בְּלָא כִּסּוּפָא...

און דער טאג איז א 'טאג'! דער טאג גייט זיך אוועק - דער טאג קומט אָן און גייט אוועק - -

דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה פון קע"ט - פון יום הכיפורים, זאגט דער רבי; 'ימים מתים' - ס'איז געשטארבענע טעג -רופט עס דער רבי אָן, ס'איז געשטארבענע טעג אָן חיות![יז]

- - דער טאג קומט אָן, און גייט אוועק, און איך בין נישט ארייגעגאנגען אין איהם! אבער 'עפעס' דארף מען אריינגיין אינעם טאג, תורה ותפלה, מצוות ומעשים טובים!

דאס ווייסן מיר אז מיט 'דברים בטלים' - - - ס'וועט זיין א בזיון, איך האב נאך אריינגעלייגט אין דעם טאג אריין דברים בטלים אויך?! 'לא די' איך האב נישט געטוהן קיין גוטס, אבער כאטש שווייגן כאטש! טוה איך נישט קיין גוטס - (כאטש) שווייג איך! איך האב נאך דברים בטלים אריינגעלייגט איהם דעם טאג אריין?! צו נאך שלעכטע זאכן, געקוקט, געטראכט - וואס אין דעם עולם איז דא - -

- בכח פון דעם צדיק, בכח פון זיינע הייליגע עצות - קען מען דערהאלטן א נקודה פון אמת! און מען זאל אריינגיין אין דעם טאג מיט גוטע זאכן!

*

## 'ואם יצא חובת היום אשרי לו'

איך געדענק, אמאל - איך בין געווען א אינגל דארטן (בימי בחרותו, באומאן), מען האט געלערנט א 'הלכה' (מליקוטי הלכות), אין אַן הלכה רעדט ער דארטן, טאקע אויף דעם מעשה דארט; "ס'געזעגענט זיך טאג מיט נאכט"![יח]

---

[יז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קע"ט, וז"ל שם; ... כִּי כָּל יוֹם וָיוֹם נִמְשָׁךְ עָלָיו שֶׁפַע מִלְמַעְלָה, וּכְשֶׁעוֹשֶׂה בְּזֶה הַיּוֹם מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲזַי מְחַיֶּה הַיּוֹם וּמַמְשִׁיךְ לוֹ חִיּוּת וְשֶׁפַע רַב מִלְמַעְלָה, אַךְ אִם ח"ו אִם אֵינוֹ עוֹשֶׂה בּוֹ מִצְווֹת, אֲזַי אֵינוֹ יוֹרֵד עָלָיו שֶׁפַע מִלְמַעְלָה כִּי אִם בְּצִמְצוּם גָּדוֹל מְאֹד רַק כְּדֵי חִיּוּנוֹ בְּצִמְצוּם, וּכְשֶׁהוּא נוֹטֵל זֶה הַיּוֹם וְעוֹשֶׂה בּוֹ ח"ו רַע, אֲזַי מוֹרִיד וּמֵינִיק וּמוֹצִיץ הַשֶּׁפַע הַמְּעַט שֶׁיֵּשׁ בְּזֶה הַיּוֹם, עַד שֶׁמּוֹצִיץ גַּם עֶצֶם הַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ לְהַיּוֹם בְּעַצְמוֹ, מִלְּבַד הַשֶּׁפַע הַבָּא מִלְמַעְלָה דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ, כִּי כָּל יוֹם הוּא בְּרִיאָה, וְיֵשׁ לוֹ חִיּוּת עַצְמוֹ מִלְּבַד הַשֶּׁפַע, וְהוּא מוֹצִיץ גַּם חִיּוּתוֹ הָעַצְמִי שֶׁל הַיּוֹם, עַד שֶׁנִּשְׁאֲרוּ הַיָּמִים הַלָּלוּ פְּגָרִים מֵתִים...

[יח] עי' בליקוטי הלכות הל' מלמדים הל' ד' אות ו' והלאה, עפ"י המעשה י"ג יום ג'. ועי' גם הל' פקדון ד' אות ה' והלאה.

רבי נתן רעדט ארום - זאגט ער דאס אייגענע, אז דער מענטש דארף זעהן ער זאל ארײנלייגן 'טוב' אין דעם טאג ארײן, ער זאל נישט אפלייגן פון איין טאג אויפ'ן אנדערן, ווארן מארגן איז שוין אן אנדערן טאג, נאר אין דעם טאג ארײנלייגן טוב!

מען האט געלערנט דעם 'הלכה' בין מנחה למעריב, איז געווען דארטן א נייע מקורב איינער 'דוד', 'דוד הייסינער' - -

(מפסיק בסיפור התקרבותו של ר' דוד הייסינ'ער, ואח"כ חוזר לענין הנ"ל) - [יט] ער איז געווען גאר פרייער א פרייער מענטש, און מען האט איהם פארשיקט, עס איז געווען עפעס א מעשה דארטן - מיט דאלאר'ן געהאנדעלט, שוין. דארטן אין מאסקווע, מען האט געכאפט, מען האט איהם פארשיקט אויף דריי יאר, און מען האט איהם געזאגט; "קלויב זיך אויס אויף וואספארא ארט דו ווילסט"! האט ער זיך אויסגעקליבן 'אומאן', האט מען איהם פארשיקט קיין אומאן!

ער איז געווען א וועלט'ס-מענטש, א פרייער מענטש געווען אינגאנצן - - -

[(השואל; וואס הייסט 'פארשיקט'? מען פלעגט אכטונג גיבן אויף איהם דארטן?!) ביי זיי איז דא א 'פרייע וויסארקע', א 'פרייע וויסארקע' הייסט - מען פארשיקט איהם אין דער שטאט, "דריי יאר דארפסטו זיין אין דעם שטאט, דו דארפסט זיך אלע טאג ווענדן דארטן אז דו ביסט דא, און דו טארסט נישט ארויספארן פון דער שטאט"! דאס הייסט א 'פרייע', ס'איז דא א הארבערע - שיקט מען דארטן אין סיביר דארטן, שווערע ארבעט, א 'פרייע' איז פאר א קלענערע חטא, אבער ס'הייסט פארשיקט!]

האט מען איהם געפרעגט - האט ער זיך אויסגעקליבן אומאן, איז ער געווען אין אומאן!

נו, אין אומאן איז דאך דא א ברסלב'ער שול, דארטן - א 'חברה משוגעים', מען טאנצט, מען שפרינגט, דארף מען ארײנגיין קוקן! איז ער ארײנגעקומען איינמאל און נאכאמאל - - - דער מענטש איז געווארן צוגעקלעבט צו אונז! ער איז געווארן צוגעקלעבט!!!

נו, וואס זאל איך אייך אויס'משל'ען, וואס דער מענטש איז געווארן - א 'בעל תשובה'! ס'איז א געוואלד געוועזן!

---

[יט] עי' שיש"ק חלק ה' אות שט"ו, וחלק ו' אות ק"ו.

*

ס'איז געווען אמאל א 'פורים' דארטן, מען איז געווען ביי איהם אין שטוב דארטן, מיר האבן געהאט איינעם דארטן "רבי יענקל זיטאמער", איז ער (דוד הייסינ'ער) איהם געפאלן צו די פיס - אין שיכרות, האט ער איהם געקושט די פיס, "יענקל, טוה מיר אן א בארד"!... דעמאלטס האט ער נאכנישט געהאט קיין בארד מיט פיאות - "יענקל, טוה מיר אן א בארד"!

מען האט געזעהן אז דער מענטש האט ניכטערהייט גוט געבענקט, על כל פנים, מען זאגט דאך א ווערטל, "וואס א ניכטערן אויף דער לינג, ליגט א שיכור'ן אויפ'ן צונג" - וואס ער טראכט רעדט ער ארויס, האט ער געשריגן; "יענקל, טוה מיר אן א בארד"! "טוה מיר אן א בארד"!

*

און דער דאזיגער 'דוד' - ווען מען האט געלערנט די הלכה וואס רבי נתן רעדט דארטן, פון אריינוואַרפן - (עפעס גוטס אינעם טאג), האט ער אויפגעהויבן זיך - אידער ס'איז געווארן נאכט, איז ער ארומגעגאנגען - געגעבן אלע צדקה, צדקה! אידער ס'איז געווארן נאכט, "אריינוואַרפן אין דעם טאג אריין"!

די ווערטער וואס רבי נתן זאגט דארטן; לייג נישט אפ אויף מארגן, נאר אין דעם טאג - "ואם יצא חובת היום אשרי לו", אין דעם טאג לייג - "דבר יום ביומו"!

- - האט ער זיך אויפגעהויבן און געגעבן צדקה, צדקה! דעם ביינאכט וועט דאך שוין נישט זיין 'דעם טאג' - עס וועט שוין זיין 'מארגן'!

*

ער איז שוין א גרויסער ערליכער איד געווארן! אה, ער פלעגט גיין אין פעלד אריין און אויסגיסן טייכן טרערן!

ער פלעגט צוגרייטן פאר די אלע וואס פלעגן גיין אין פעלד - ער האט געהאנדלט מיט די שיך - ער האט יעדן געמאכט א 'פעלץ', ער האט צוגעגרייט פעלצן, ער האט צוגעגרייט גרויסע שטיוול, מיט די ווארעמע הוטן - ער האט דאס צוגעגרייט!

נאכ'ן ווינטער האט ער עס גענומען קריק (- צוריק) און פארבאהאלטן, אז מען זאל האבן אויף דעם אנדערן ווינטער - יעדער זאל האבן א פעלץ מיט א הוט!

דארט אין רוסלאנד - די 'פרעסט', גוטע שיך, שטיוול גרויסע - האט ער צוגעגרייט! דאס איז דעם רבי'נס זאך! ער האט זיך צוגעריכט!

*

ער איז געוואר געווארן דאס גרויסקייט פון תפילה, איז ער ארויף צום רבי'ן אויפ'ן ציון און אראפגעקומען מיט געשוואלענע אויגן 'אלע טאג'!

ער האט געהאט אויף וואס צו וויינען - ער איז דאך פריער געווען זייער פריי, אבער ער איז געווען א בעל תשובה! א בעל תשובה!

(השואל; ער איז געווען אין אומאן אליין, אדער מיט די משפחה?) ער האט געוואוינט אין הייסין, די 'דריי יאר' (בעת גזירת גירושו הנ"ל) איז ער געווען אין אומאן, דערנאך האט ער שוין די משפחה אויך ארויסגענומען קיין אומאן!

(השואל; און ער האט געהאנדלט אין די דריי יאר?) ער האט נישט געטארט האנדלען, נאר באהאלטן דארטן, ער איז געווען א פארמעגליכער.

ווי ער איז אריינגעקומען צו אונז - איז ער שוין געווארן א שטיקל מענטש!

(השואל; צום סוף האט ער געהאט א בארד?) צום סוף, יא! צום סוף איז איהם שוין געוואקסן א בארד!

אבער ער איז נעבעך גע'הרג'עט געווארן ביי היטלער'ן, ער מיט די קינדער זענען נעבעך גע'הרג'עט געווארן, אבער ער איז גע'הרג'עט געווארן אלס ערליכע איד, א 'בעל תשובה'!

*

# ער "טוהט" א ליגן...

מיר רעדן דערפון - דער כח פונעם רבי'ן! דער רבי רעדט דא, אז ווען מ'גייט מיט זייערע עצות (של הצדיקים) ווערט אין איהם אויסגעקריצט אמת!

וואס איז מיט איהם געווען? איידער ער איז געווארן מקורב, איז ער געליגן אין שקר, ער איז געליגן אין שקר! - -

מען האט פאר רבי נתן געלויבט אמאל; אז ס'איז דארט דא איינער עפעס א 'פרייער מענטש' - צו א 'גוי' גאר - א 'פרייע מענטש', אז "ער רעדט נישט קיין ליגנט"! ער רעדט נישט קיין ליגנט! האט רבי נתן געזאגט; "טוהט ער א ליגנט"! "טוהט ער א ליגנט"! אז א מענטש טוהט אן עבירה - "טוהט ער א ליגן"![כ]

א מענטש, אז ער טוהט נישט קיין ליגן - אויף איהם איז א 'שבח' אז ער רעדט נישט קיין ליגן אויך נישט! אבער א מענטש, אז ער טוהט א ליגן - ער טוהט מעשה (שקר) - וואס איז א שבח אז ער רעדט נישט?! אז ער זאגט נישט קיין ליגנט, וואס איז עס א שבח אז ער זאגט נישט? טוהט ער א ליגן! טוהט ער א ליגן!

'טוהן' איז דאך נאך ערגער ווי רעדן! אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען טוהט נישט קיין ליגן - איז א שבח אז מען רעדט נישט אויך!

*

## 'לעולם יהא אדם ערום ביראה'

(השואל; דער רבי האט געזאגט אויף עמיצער - דארט פלעגט מען נישט רעדן קיין ליגנט -)
יא, יא. דארטן איז געווען א קול אז ער זאגט נישט קיין ליגנט! זיין זאך איז געווען "מען זאל זיך היטן פון זאגן א ליגנט"!

שוין, מען האט געוואוסט אז ביי די דאזיגע חסידים זאגן נישט קיין ליגנט! ס'איז געווען אזוי - א רבי מיט חסידים! אבער ס'איז געווען אזוי 'נאריש', אזוי נאריש געווען דער זאך!

ער איז אמאל געפארן א וועג דארטן - - - דער 'ניקאליי' (קיסר רוסיא) איז דאך געווען זייער א שונא ישראל, אבער פאר א 'מפורסם' (- רבי ומנהיג) האט ער אפגעגעבן כבוד! ער איז געווען גאר א פרומער, גאר א 'גלויביגער', האט ער זיי אפגעגעבן כבוד! און ביי די גרעניצן האט יעדער איינער געמוזט האבן ביי זיך דער ביכל - דעם 'פאס', מען האט געמוזט תמיד ווייזן, אבער א 'מפורסם' - אז מען האט געפרעגט האט מען איהם געגלייבט, ער האט נישט געדארפט ווייזן!

---

[כ] עי' שיש"ק חלק ב' אות תרע"ג.

אפילו 'אידן' דארטן, אפילו נישט א מפורסם - א 'גלויביגער' האט ער איהם געגלויבט, האט ער נישט געהייסן ווייזן, נאר א פרייער - "ווייז צו דו האסט דעם פאס"!

איז ער (הרב הנ"ל) געפארן א וועג, און ער האט נישט געהאט א ביכל ביי זיך, ער איז געפארן די גרעניצן, דארטן ביי די גרעניצן מוז מען האבן די פאספארט, ביי די גרעניצן איז מען זייער שטרענג, איז מען צוגעגאנגען - מען האט איהם געפרעגט, האט ער געזאגט "ער האט נישט"!

ער האט נישט? האט מען איהם אראפגענומען - ער איז געזיצן אין תפיסה! דארט האט ער שוין געהאקט טויזענטער ליגנטס...[כא]

מען האט דאס דערציילט רבי נתן'ען - ער איז געווען אין די צייטן פון רבי נתן'ען - האט רבי נתן געזאגט; "מען דארף זיין א ערום ביראה", מען דארף זיין קלוג אין יראה! "ער האט נישט גערארפט זאגן (אז ער האט א פאס), נאר א שאקל מיט די קאפ, וואלט מען איהם שוין געגלייבט"!

נאר וואס דען - ער האט דאס נישט געוואלט! האט ער נאכדעם גערארפט האקן (ליגנטס), "מען דארף זיין אן ערום ביראה"!

(השואל; ס'איז נישט געווען בשעת דער רבי איז געווען אין אדעס?) דאס איז געווען אן אנדערע זאך, דעמאלטס איז געווען אן אנדערע זאך! ער איז געווען ווען דער רבי איז געווען אויף די שיף, און ער איז געשטאנען דא, און ער האט א שאקל געטוהן צום רבי'ן, מען האט זיך געזעגנט - -

דער רבי איז געפארן קיין ארץ ישראל, דער רבי איז שוין געזיצן אין די שיף שוין, און ער איז געוואר געווארן אז דער רבי איז דארט דא, איז ער צוגעגאנגען דארטן צום פארט - ער איז פונקט געווען אין אדעס, האט ער א שאקל געטוהן צום רבי'ן, מען האט זיך געזעגנט מיט'ן רבי'ן, האט דער רבי א זאג געגעבן דארטן צו דעם מענטש זיינער; "איך וויים, איך וויים - - "

*

[כא] עי' שיש"ק חלק ב' אות תשמ"ב.

# 'עצת הצדיקים - כולו זרע אמת'

נו, האט דער רבי געזאגט "איך האב אין אייך ארייגעבראכט אסאך אמת"! פארוואס? ווייל די זאך אליין, וואס דער אויבערשטער העלפט, אז מען האט א שייכות מיט השי"ת - מיט דעם 'רעדן' מיט'ן אויבערשטן, דאס אליין בראכט דעם מענטשן פאר אסאך אמת!

ער רעדט זיך אויס פאר השי"ת, און אלסדינגס פארציילט ער דעם אויבערשטן, יעדע זאך, וואס דאס איז דאך דער עיקר התבודדות, התבודדות איז - מען דארף אלסדינג דערציילן דעם אויבערשטן! ער טראכט, ער קוקט, ער גייט, ער רעדט, אלסדינג! - - אשפוך לפניו 'שיחי', כל לבו, כל לבו! אלסדינג דערציילן![כב]

*

- - עס שטייט אין זוהר הקדוש,[כג] זאגט ער; "למעלה ווערט א קטרוג אויפ'ן מענטשן אלע טאג"! וואס איז ער מקטרג? "דער דאזיגער האט היינט געקוקט! ער האט היינט גערעדט! ער האט היינט געטראכט"! זאגט דער אויבערשטער; "ער האט שוין מיר דערציילט פריער, איידער דו דערציילסט מיר"! ער האט שוין מיר אליין דערציילט, ער האט אלעם פריער שוין דערציילט!

ס'איז א געוואלדיגע זאך! אזוי שטייט אין זוהר - "ער האט שוין מיר דערציילט"! דאס איז א געוואלדיגער זאך, אלע מקטרגים ווערן אפגעשטופט דערפון!

*

- - איז חוץ דעם דאזיגע - דער מענטש ווערט אין איהם איינגעקריצט 'אמת'! מען רעדט דאך פון "וילך בדרך עצתם" - די עצה פונעם רבי'ן - דאס איז אזא מין עצה, וואס ס'ווערט אין איהם אויסגעקריצט 'אמת'! ער האט א שייכות מיט'ן 'מקור האמת'! ער רעדט צום אויבערשטן, ער האט א שייכות!

---

[כב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ה ד"ה 'ההתבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל'; ... וְאֵת כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ יָשִׂיחַ וִיסַפֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, הֵן חֲרָטָה וּתְשׁוּבָה עַל הֶעָבָר, וְהֵן בַּקָּשַׁת תַּחֲנוּנִים לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ מֵהַיּוֹם וּלְהַלְאָה בֶּאֱמֶת, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כָּל חַד לְפוּם דַּרְגֵּהּ...

[כג] עי' בהקדמת תיקוני הזוהר (דף ח' ע"ב) "בא להרגך השכם להרגו בצלותא - - דבכל יומא תבע חובין דבנוי לשחטא לון" וכו'. ועי' שיש"ק ח"ד אות כ"ב. [ועי' גם ליקוטי מוהר"ן תו' ט"ו אות ב', ענין 'כשיש דין למטה אין דין למעלה'].

אז ס'איז 'אמת' - ממילא איז שוין זיין דאווענען 'אמת', זיין לערנען איז 'אמת', ער גיבט א דבר צדקה - איז עס מיט 'אמת', ער טוהט א מצוה - איז עס מיט 'אמת', ס'איז א געוואלדיגער זאך!

דאס איז דער 'סמא דחיי', אינגאנצן דער 'סמא דחיי' איז אמת!

אז ער טוהט דארט זאכענישן, אויב ס'איז נישט מיט קיין אמת, איז דאך עס א געוואלד! וואו ער גיבט זיך א ריר - איז עס היפך אמת! היפך אמת! ער טוהט און טוהט און טוהט און טוהט - און ס'איז נישט מיט קיין אמת!

*

# "לעולם יקדים אדם תפלה..."

(השואל; רבי אברהם רבי נחמן'ס פלעגט זאגן אז אן התבודדות איז יעדער זאך בבחינת משוגע?) דער רבי האט דאך אזוי געזאגט! "פליטעס"![כד] וואס הייסט "פליטעס"? אזא 'מבולבל', א 'פליט' איז א מבולבל! דאס איז אן אוקריייניש ווארט. א 'פליט' איז א מבולבל, א מבוהל!

(השואל; ער האט געזאגט אויף דעם א משל, ר' אברהם ר' נחמנ'ס - -) יא יא! איינער דארטן - מען רעדט איינעם א חתן, דער שדכן וויל מצייר זיין די אלע מעלות פונעם חתן, מאכט ער ארום און ארום אן 'עיגול', און דארטן שטייט ארום מעלות; 'למדן' - איך וויים - די אלע מעלות שטייט ארום און ארום, און אינמיטן איז אנגעשריבן 'משוגע', ליינט מען אלעס - און 'משוגע'! א "משוגע'נער למדן", א "משוגע'נער צדיק", א "משוגע'נער בעל צדקה"!

דאס איז דער זאך - אז מען האט נישט קיין שייכות מיט'ן איבערשטן מיט 'דיבורים', איז וואס ער האט - איז אזוי ווי אן עיגול, נאר וואס דען - ס'איז משוגע, ס'איז מבוהל!

---

[כד] עי' שיחות הר"ן סי' רכ"ח; שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר, בְּוַדַּאי נִמְצָאִים כְּשֵׁרִים אַף עַל פִּי שֶׁאֵין לָהֶם הִתְבּוֹדְדוּת, אֲבָל אֲנִי קוֹרֵא אוֹתָם "פְּלֵייטֶים", מְבֹהָלִים וּמְבֻלְבָּלִים, וּפִתְאֹם כְּשֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ וְיִקְרָא אוֹתָם יִהְיוּ מְעֻרְבָּבִים וּמְבֻלְבָּלִים, אֲבָל אֲנַחְנוּ נִהְיֶה דוֹמִים כְּמוֹ הָאָדָם אַחַר הַשֵּׁנָה שֶׁדַּעְתּוֹ נוֹחָה וּמְיֻשֶּׁבֶת הֵיטֵב כֵּן תִּהְיֶה דַּעְתֵּנוּ נוֹחָה וּמְיֻשֶּׁבֶת עָלֵינוּ בְּלִי מְהוּמָה וּבִלְבּוּל:

(השואל; נו, איז וואס זאל מען טוהן, דארף מען גארנישט טוהן פאר מען האט התבודדות אויף יעדע זאך?) נישט אז מען דארף 'גארנישט טוהן', דער טאג דארף זיין מיט דעם אויך!

יעדער איינער ווי ער איז זיך מסדר; איינער וויל בעסער 'פריער', (איינער וויל בעסער 'שפעטער', דאס איז יעדער איינער האט זיך שוין זיין (ענין)! ער דארף מאכן זיין סדר באופן אז ס'זאל איהם זיין גרינגער, ס'זאל זיין פאר איהם בעסער, דאס איז איינער מיט'ן צווייטן נישט גלייך!

דער רבי זאגט דאך אז "על ידי התורה - ווערן נתקבל אלע תפילות און אלע בקשות"![כה] דארף מען גאר 'פריער לערנען', אז די תפילה זאל ווערן נתקבל!

דער בעל אקדמות זאגט דארטן אין אות צ'; "צבי וחמיד ורגיג דילאון בלעותא - צלותהון בכן מקבל והניא בעותא"!

'צבי' - ער האט 'געוואלט' - דער אויבערשטער 'וויל' און 'גלוסט' אז די אידן זאלן זיך מאטערן אין די תורה, 'צלותהון בכן' - דערפאר וועט ער צונעמען זייערע תפילות! ברענגט ער אזוי ווי דעם תורה (- תורה א')!

- איז דאך יעדער איינער, ווי אזוי ער איז זיך מסדר! מיר רעדן נישט, קיין 'סדר' פאר יענעם - קען מען נישט ארויסגעבן! מיר רעדן נאר די עצות פונעם צדיק - אז דאס וויל דער צדיק (- שיתבודד בכל יום)! דארף ער זיך מסדר זיין ביי זיך ווי ס'איז איהם בעסער, דאס איז זיין 'סמא דחיי'! דאס איז 'אמת' און דאס איז 'אלעם'!

דער רבי האט דאך געזאגט רבי נתן'ען "אזוי ווי אן אמת'ן גוטן פריינד"[כו] - דאס איז דער "אמת'ער" גוטן פריינד! און דאס וועט איהם סוף כל סוף צופירן צו וואס א מענטש דארף זיין!

---

[כה] ליקוטי מוהר"ן תו' א'.

[כו] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ד'; ... וּבְאֶמְצַע הַשִּׂיחָה לְקָחוֹ אַדְמוֹ"ר זַ"ל בְּיָדָיו הַקְּדוֹשׁוֹת סְבִיב כְּתֵפָיו וְעָנָה וְאָמַר לוֹ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: אִין וַוייטֶער סֶע זֵייעֶר גִּיט, אַז מֶע רֶעט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר ה' יִתְבָּרַךְ, הַיְנוּ אַזוֹי וִויא מֶע רֶעט זִיךְ אוֹיס פַאר אַיין אֶמֶת'ן גִּיטְן פְרַיְנְט (וּמֵעַתָּה, טוֹב מְאֹד אִם אוֹמְרִים אֶת כֹּל שֶׁבַּלֵּב לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ הַיְנוּ כְּמוֹ לִפְנֵי חָבֵר טוֹב אֲמִתִּי). וּמִיָּד נִכְנְסוּ אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים בִּלְבָבוֹ כְּאֵשׁ בּוֹעֶרֶת מַמָּשׁ, וְהֵבִין תֵּכֶף שֶׁעַל־יְדֵי עֵצָה זֹאת בְּוַדַּאי יִהְיֶה נַעֲשֶׂה אִישׁ כָּשֵׁר כָּרָאוּי, כִּי כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת שֶׁיְּסַבֵּב הַבַּעַל דָּבָר בְּדַעְתּוֹ וְכָל מִינֵי מְנִיעוֹת שֶׁיְּמַנְעֵהוּ, כֻּלָּם יְסַפֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִיבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים עַל כָּל דָּבָר שֶׁיַּעַזְרוֹ לִהְיוֹת כָּרָאוּי לְאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, וְעַל־יְדֵי אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים קֵרְבוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת גָּדוֹל מְאֹד:

(השואל; מען זאגט אויף רבי נתן, אז ער האט געזאגט אז ער דאנקט ג-ט אז ער טוהט נישט קיין זאך אָן האבן פריער התבודדות?) **אפילו 'צדקה' האט רבי נתן געזאגט צום זון![כז] דאס איז א באזונדערע זאך - -**

*

## 'מיעוט מחזיק את המרובה'...

(השואל; איז פשט - דארף א מענטש האבן יעדן טאג עטליכע שעה התבודדות, ביז ער זאל אויסשטעלן אלע פלענער; ווי אזוי רעדן מיט די מענטש, וואס צו טוהן, די זאך, יענע זאך, ער זאל גארנישט טון אָן פריער האבן אסאך התבודדות, ממילא וועט אויסקומען אז ער קען גארנישט טון? מען זאגט דאך אז אָן התבודדות איז עס נישט קיין אמת?!) **רבי אברהם** (ר' נחמנ'ס) **זכרונו לברכה - מען האט איהם אמאל געפרעגט א קשיא, האט ער ארומגערעדט - -**

**- - ביים רבי'ן איז געווען א צייט וואס ביים רבי'ן איז געווען 'וידוי דברים' ערב ראש השנה![כח] נו, ביים רבי'ן פלעגן פארן עטליכע הונדערט מענטשן - זענען געפארן צום רבי'ן אויף ראש השנה!**

---

[כז] עי' שיש"ק ח"ו אות נ"א; פַּעַם כְּשֶׁהָיָה ר' יִצְחָק אֵצֶל אָבִיו מוֹהַרְנַ"תְ זַ"ל, שָׁמַע אֶת אָבִיו מַלְהִיב בְּדִבּוּרוֹ בְּגֹדֶל מַעֲלַת הַתְּפִלָּה וְהַהִתְבּוֹדְדוּת, אֵיךְ שֶׁצָּרִיךְ לְבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל כָּל דָּבָר וְדָבָר, עַד שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה שׁוּם פְּעֻלָּה וְשׁוּם דָּבָר בְּלֹא תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּסַיְּעֵהוּ בְּדָבָר בַּקָּשָׁתוֹ, נַעֲנָה רַבִּי יִצְחָק וְאָמַר: "אַבָּא, הַאִם גַּם עַל עִנְיַן יְדִידוּתִי עִם רַבִּי מָרְדְּכַי וְסֵדֶר הַנְהָגָתִי עִמּוֹ אֲנִי צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ"? כִּי הָיוּ אוֹהֲבִים בְּנֶפֶשׁ מַמָּשׁ, וְעַד כְּדֵי כַּךְ שֶׁלֹּא הָיָה קוֹנֶה ר' יִצְחָק לְעַצְמוֹ שׁוּם דָּבָר אִם לֹא קָנָה כְּמוֹ כֵן לְר' מָרְדְּכַי, וּמִשּׁוּם כֵּן לֹא הָיָה לְר' יִצְחָק מְעִיל פַּרְוָה חָרְפִּי טוֹב הַנִּקְרָא "פִּיטֶער", כִּי לֹא הָיָה לוֹ כְּדֵי סִפּוּק עֲבוּר שְׁנֵי מְעִילִים כָּאֵלּוּ, וַעֲבוּר עַצְמוֹ לְבַד לֹא קָנָה, וְכָל זֶה לְרוֹב אַהֲבַת הַחֲבֵרִים שֶׁהָיָה בֵּינֵיהֶם, וְנוֹהֵג הָיָה כָּךְ עִמּוֹ כְּבָר מֶשֶׁךְ זְמַן רַב. וְלֹא רָאָה לִכְאוֹרָה מָקוֹם לִתְפִלָּה זוֹ.

עָנָה מוֹהַרְנַ"תְ וְאָמַר לוֹ: אִם מִתְפַּלֵּל אַתָּה עַל הַדָּבָר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֲרֵי מְקַנֵּא אֲנִי בְּךָ וְאִם לָאו לֹא, "טָאמֶער בֶּעטְסְטוּ גָאט אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵּא טָאמֶער נִישְׁט, נֵיין"! וְהָיָה הַדָּבָר לְפֶלֶא בְּעֵינֵי רַבִּי יִצְחָק תְּשׁוּבַת אָבִיו מוֹהַרְנַ"תְ, כִּי נִדְמֶה הָיָה לוֹ שֶׁהִגִּיעַ לְתַכְלִית אַהֲבַת הֶחָבֵר עִם רַבִּי מָרְדְּכַי, וְלֹא מָצָא מָקוֹם לְהָבִין דִּבְרֵי אָבִיו. וְהִנֵּה לֹא עָבְרוּ יָמִים רַבִּים וְנִפְרְדוּ בְּדַעְתָּם זֶה מִזֶּה לְאֵיזֶה תְּקוּפָה שֶׁל זְמַן, וְהָיָה הַדָּבָר לְפֶלֶא בְּעֵינֵי רַבִּי יִצְחָק, עַד שֶׁעָנָה וְאָמַר: אֲנִי לְעוֹלָם לֹא הָיִיתִי נֶחֱלָק בְּדַעְתִּי עִם רַבִּי מָרְדְּכַי, אֶלָּא אַךְ וְרַק כְּדֵי שֶׁאֶרְאֶה שֶׁאָכֵן אָבִי הָיָה צוֹדֵק. "אִיךְ וָואלְט זִיךְ מִיט רַבִּי מָרְדְּכַי קֵיין מָאל נִישְׁט צוּקְרִיגְט, נָאר כְּדֵי אִיךְ זָאל זֶעהְן אַז דֶער טַאטֶע אִיז גִיוֶוען גִירֶעכְט".

[כח] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ד, אבני"ה ברזל - שיחות וסיפורים מרביז"ל אות ס"א, ועי' ליקו"מ תו' ד' ענין "וידוי דברים לפני התלמיד חכם".

אין אוקריינא איז שוין די טאג קלענער (- ראש השנה צייט), און ערב ראש השנה - מען דאווענט דאך אפ (שחרית), מען דאווענט בכוונה, האט געקענט זיין דער ענין - דער וידוי דברים 'פיר - פינף שעה' דארטן, נישט מערער! דער טאג האט נישט מספיק געווען אויף מער!

האט ער געמאכט א חשבון - 'פיר פינף שעה' איז 'דריי הונדערט מינוט', א שעה איז זעכציג מינוט, פינף שעה - איז דריי הונדערט מינוט, אז ס'איז דא 'פינף הונדערט' מענטשן - וויפיל קען יעדער איינער רעדן?! (השואל: ס'איז געווען פינף הונדערט מענטשן?) אמאל מערער אויך, אן 'ערך'!

- איז דאך נישט אויסגעקומען אפילו א מינוט פאר יעדעם איינעם?! האט ער געמאכט א חשבון אז אפילו קיין מינוט איז נישט אויסגעקומען פאר יעדן איינעם! און דער מענטש - ער ווייסט, ער דארף האבן 'וידוי דברים' פאר'ן צדיק, איז דאך דער קשיא דא - ווי נעמט ער אזויפיל צייט?! איז דאך איהם 'צעהן מינוט' ווינציג, א 'האלבע שעה' ווינציג, איז דאך א 'שעה' ווינציג, א 'דריי פערטל שעה', און ווי האט געקענט זיין ער זאל רעדן?!

'וידוי דברים' איז דאך דער פשט אז ער דארף דאך אלסדינג אויסרעדן?! און **"אין די תורה וואס דער רבי האט געזאגט ראש השנה איז אריינגעגאנגען אלע וידוי דברים פון יעדעם איינעם"! און יעדער איינער האט געהאט געטראפן אז דער רבי רעדט פון איהם אליין!!!**[כט] איז ווי איז געווען צייט?

האט ער אזוי געזאגט; "ס'איז געווען א ברכה אין דער צייט"!!!

אז דער מענטש איז אריינגעקומען צום רבי'ן איז אויף איהם נמשך געווארן א 'זכרון', א זכרון! ער האט זיך דערמאנט אלעם! ער האט אנגעהויבן צו רעדן - און

[כט] עי' תו' י"ג אות ג', וז"ל (בקיצור ליקו"מ): כָּל אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם הַבָּאִים לַחֲכַם הַדּוֹר, כָּל אֶחָד וְאֶחָד יֵשׁ לוֹ אֵיזֶה רָצוֹן טוֹב, וְהַצַּדִּיק מַעֲלֶה כָּל אֵלּוּ הָרְצוֹנוֹת, וּבָזֶה הוּא מְחַדֵּשׁ נַפְשׁוֹתֵיהֶם שֶׁל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים הַבָּאִים אֵלָיו, וְעַל־יְדֵי־זֶה הוּא מֵבִיא הִתְגַּלּוּת הַתּוֹרָה שֶׁאוֹמֵר אָז בִּפְנֵיהֶם, נִמְצָא שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד חֵלֶק בַּתּוֹרָה כְּפִי רְצוֹנוֹ, וְכֵן נִתְחַדֵּשׁ נַפְשׁוֹ לְטוֹבָה. עַל־כֵּן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לְהִתְחַזֵּק וּלְהִתְעוֹרֵר שֶׁיָּבוֹא עִם רְצוֹנוֹת טוֹבִים וְכִסּוּפִין טוֹבִים וַחֲזָקִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כְּדֵי שֶׁיִּתְחַדֵּשׁ נַפְשׁוֹ לְטוֹבָה בְּיוֹתֵר ... [ועי' גם כעי"ז בחיי מוהר"ן אות כ', ועוד].

ביז ער האט גערעדט איז שוין אלעם געווען כלול! און דער רבי האט דאן א מאך געגעגעבן מיט די האנט - ער זאל שוין אוועקגיין אויך![ל]

דער רבי איז געשטאנען מיט די פנים צו דער וואנט - פלעגט ר' אברהם ר' נחמן'ס זאגן - כדי יענער זאל נישט ווערן פארשעמט! יענער האט דאך געזאגט, ער האט דאך אויסגעזאגט (- העוונות שלו) - "כדי ער זאל נישט ווערן פארשעמט"!

און דער האט גערעדט, גערעדט, און דער רבי האט א מאך געגעבן אזוי - איז ער שוין ארויסגעגאנגען!

קומט אוים דער חשבון א 'מינוט' - אפשר נאך ווינציגער אויך!

דער תירוץ איז - אז דער צדיק איז משפיע א ברכה אין איהם, דערמאנט ער זיך אלעם!!!

דאס אייגענע - וואס דו זאגסט (לגבי התבודדות כנ"ל) איז אויך דאס אייגענע! אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען האט א ברכה אין א זכרון - גייט עס! ס'גייט!

אזוי ווי ס'איז דא א ברכה ביים עסן, "אוכל קמעה ומתברך במעיו"[לא] - קענן די שלאף איז אויך אזוי - דאס (-'אכילה') שטייט דאך אין פסוק "ואכלתם לחמכם לשובע" - "אוכל קמעה ומתברך מעיו", (אזוי אויך) קען מען שלאפן אביסל און זיין אויסגערוהט!

אויב די צדיקים וואס האבן ממעט געווען בשינה - אויב ער איז נישט אויסגערוהט קען ער דאך גארנישט טוהן! מוז מען דאך זאגן - זיי זענען יא אויסגערוהט 'במיעוט שינה'! דער רבי זאגט;[לב] "מי שמקודש ביותר איז ער ווייט פון שינה"!

אה, מוז מען דאך זאגן - דער אויבערשטער האט געהאלפן, זיי האבן געהאט א ברכה אינעם שלאף! א ברכה אינעם עסן - א ברכה אינעם שלאף! און ס'איז דא א ברכה אינעם דיבור אויך! - ס'איז א ברכה געווען אין א זכרון!

---

[ל] עי' שיש"ק ח"ג אות צ"ה.

[לא] עי' רש"י ויקרא כ"ו ה' ד"ה ואכלתם לחמכם לשובע.

[לב] ספר המדות - ערך שינה, אות א'.

*

אה! לאמיר גיין מיט די עצות פונעם צדיק, וועלן מיר זעהן ממש אז ס'וועט זיין א ברכה אין יעדער זאך!

אזוי ווי די גמרא זאגט דארטן,[לג] אויף 'חסידים הראשונים' - די דריי שמונה עשרה'ס האט געדויערט 'ניין שעה'; שמונה עשרה האט געדויערט א 'שעה', און א שעה 'פאר' די שמונה עשרה, און א שעה 'נאך' די שמונה עשרה, דריי מאל 'דריי' - איז 'ניין שעה'!

פרעגט די גמרא א קשיא; ווען איז געווען די תורה? ווען איז געווען מלאכה?

(ענטפערט די גמרא); "מתוך שחסידים היו, תורתן משתמרת ומלאכתן מתברכת"! ס'איז געווען א ברכה אין די מלאכה, און א שמירה איז געווען אין די תורה! ס'איז א 'ברכה' געווען!

מען זאגט אויפ'ן "שאגת אריה" - זאגט מען, אז אין א שעה איז ער דורכגעגאנגען גאנץ ש"ס מיט'ן מח! דער שאגת ארי' - אין א שעה! אז ער האט געוואלט דארטן דורך וואָרפן ש"ס - האט ער אין א שעה דורך געווארפן גאנץ ש"ס!

דאס איז אזעלכע 'מוחות', אזעלכע הייליגע 'מוחות' - וואס זיי האבן אזא ברכה אין דער צייט! אזא שמירה און אזא מין זכרון - אז עס ארבעט! וואס אַן אנדערער דארף אָפּאַרבעטן אין יאר'ן, ארבעט ער עס אוים אין מינוט'ן!

אזא ברכה האט ער, אין אלע זאכענישן - אין דעם 'ישוב הדעת', און אלעס! עס פליעט, ער לויפט, ער פליעט!

מיר רעדן - הייסט עס אביסל צו 'הויכע דיבורים', אבער וואס דען? "אביסל איז אויך גוט"!

דאס דארף מען וויסן - אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען היט די צייט, און 'התקרבות צום צדיק', מען רייסט זיך צו לערנען דעם צדיק'ס דיבורים, און מקיים זיין, העלפט דער אויבערשטער אז ס'ווערט איהם ממש א ברכה!

*

[לג] ברכות דף ל"ב ע"ב.

# "דרשה געשאנק"!

דער רבי האט געזאגט אין די מעשה פון 'סיפורי מעשיות', "דער בעטלער האט זיי געשענקט מתנות"! ער האט זיי געשענקט מתנות!

דער ערשטע טאג האט ער זיי געשענקט "אז איר זאלט זיין אזוי ווי איך"! "איר מיינט איך בין א בלינדער"? - האט ער זיי געשענקט הייליגע אויגן!

דעם אנדערן טאג איז דער 'טויבער בעטלער' געקומען, האט ער זיי געשענקט "הייליגע אויערן"! נאכדעם איז א 'שטומער' - האט ער זיי געשענקט א "הייליגע מויל" - האט ער זיי געשענקט מתנות!

אַדאָס איז דער בעטלער! אז מען בענקט נאך איהם, אזוי ווי די קינדער האבן געוויינט - "ווי נעמט מען דא דעם בעטלער"?! (קומט ער און זאגט); "איך בין דא"! שענקט ער!

דאס אייגענע ביים רבי'ן אויך - דאס אייגענע! אז דער וואס ער ליגט אין דער זאך, און ער בענקט נאך דער זאך, קומט דער צדיק און שענקט איהם מתנות! "שענקט איהם"!

נישט נאר וואס ער "וואונטשט איהם" - 'בענטשן' הייסט ער 'וואונטשט' איהם, 'שענקען' הייסט - ער 'שענקט' מתנות!

נאר וואספארא 'מתנות' שענקט ער איהם? מתנות פון געלט?! ס'איז שענערע מתנות! ער שענקט יענעם "ריינע אויגן"! מיט א "ריין מויל"! "ריינע אויערן"! און ווייטער דארטן די אלע שבחים! אוי, דאס איז מתנות! דאס איז אנדערע מתנות!

נאר ווען שענקט ער? ער שענקט נישט אזוי גיך! אז מען בענקט, און מען וויינט נאך איהם! מען בענקט נאך איהם - קומט ער אריין און זאגט "איך בין דא"![לד]

*

[לד] עי' רמזי המעשיות למוהר"ן אב"ד טשעהרין ז"ל, וז"ל שם; ... עוד מובן שם גודל מעלת השתוקקות וכיסופין דקדושה, כי ע"י מה שהיו הבנים הקדושים מתגעגעים ובוכים ומשתוקקים בכל פעם איך לוקחים בכאן זה הבעטליר וכו', זכו שנתגלה להם בכל פעם בעטליר אחד מאלו הבעטלירס, וגילה להם נוראות נפלאות חדשות. ולא עוד, אלא שזכו הבנים שהבעטלירס מסרו ונתנו להם כל הבחינות הנ"ל בתורת מתנה לדרשה גישאנק, וממילא מובן גם גודל מעלת ומדריגת הבנים הקדושים שזכו לקבל מתנות כאלו, אבל עכ"פ הכל היה ע"י השתוקקות וגיעגועים וכיסופים הק' שלהם ...

ווען מען ליינט דער מעשה דארטן, איז פשט אז דער איז דאך דארטן געזעצן (פון פריער), דער בעטלער איז דאך געקומען אויף די חתונה?! ער איז דאך געווען - ער איז פריער אויך געווען?! זיי זענען דאך אלע געווען אויף די חתונה!

נאר אז די קינדער האבן נישט געוויינט - האט ער זיך נישט ארויסגעוויזן צו זיי! גלייך ווי ער איז גארנישט דא! ער האט נאכדעם געזאגט; "אה, איך בין דא"! "איך בין דא"!

וואו איז ער געווען פריערט? ס'איז דאך געווען א גרוב, מען האט געמאכט א 'גרוב' וואס איז אריין הונדערט מענטשן, און צוגעדעקט מיט ערד און מיסט, איז דאך דער בעטלער געווען דארטן?! די אלע בעטלערס האבן געמאכט די חתונה, און אויסגעבעטן קוליטש מיט פלייש, זענען דאך אלע געווען דארט?!

נאר איידער די קינדער'לעך האבן געוויינט און געבענקט נאך איהם, האט ער זיך נישט ארויסגעוויזן! ווי זיי האבן אזוי געבענקט - דערווייל רופט ער זיך אן; "איך בין דא"! "איך בין דא"! "איך בין געקומען צו אייך אויף דער חתונה"! איז ער דאך געווען ביי די חופה, ער איז דאך געווען פריער - -

אזוי איז דאס אייגענע ביים רבי'ן אויך; וואס איינער בענקט מערער, און גלוסט מערער, ווייזט ער זיך ארוים פאר איהם מערער![לה] און שענקט איהם מתנות, "ער שענקט מתנות"!

נו, דער אויבערשטער זאל אויף אונז רחמנות האבן, מיר זאלן זיך האלטן ביים רבי'ן - וועט מען אונז אויך שענקען מתנות!

אונז דארף מען אוודאי שענקן מתנות! די וואס זיי האבן, און מען שענקט זיי - האבן זיי 'מערער'! אבער די וואס זיי האבן גארנישט - דארף מען אוודאי שענקען!!!

[לה] עי' ליקוטי הלכות הל' שלוחין הלכה ה' בארוכה, וז"ל שם אות ה'; ... כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא יוֹשֵׁב אֵצֶל הַצַּדִּיק, וַעֲדַיִן אוֹרוֹ חָשׁוּךְ אֶצְלוֹ, וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ נְעִימוּת אֲמִתַּת עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים וְכוּ', וּמֵחֲמַת זֶה הוּא רָחוֹק עֲדַיִן מִתִּקּוּנוֹ, וּכְמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה וַיְהִי הֵם מְרִיקִים בְּסִימָן י"ז מִזֶּה עיי"ש, כִּי עִקַּר הַחִפּוּשׂ הוּא אַחַר הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁל הַצַּדִּיק כַּנַּ"ל, וְלָזֶה צְרִיכִין יְגִיעָה גְּדוֹלָה וְחִפּוּשׂ הַרְבֵּה עַד שֶׁיִּמְצָא, וְאִם יְחַפֵּשׂ בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי יִמְצָא, כִּי אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו, וְיָגַעְתִּי וּמָצָאתִי תַּאֲמִין וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל.

* * *

# 'בית צדיקים יעמוד'...

(השואל; מען פלעגט גיין אויפ'ן ציון פון דעם רבי'נס זוהן, רבי שלמה אפרים?)[לו] מען ווייסט נישט ווי ער ליגט, זיי זאגן אז ער ליגט אין 'טולטשין', ער איז געווען ביי אן אנדערן. איך האב געהערט פון 'נאשקע' עליו השלום[לז] אז ער ליגט גאר אין טולטשין - אז רבי שלמה אפרים ליגט אין טולטשין! ער האט געזאגט ווערדליג ער האט געהערט דארטן פונעם זיידע'ן (ר' דוד צבי), און פון רבי מיכל'ע - זיין פעטער (אחיו של זקנו של ר' דוד צבי), אז דאס קינד ליגט אין טולטשין!

(השואל; און רבי יעקב - בן רביז"ל?)[לח] איך וויים נישט!

די קינדער זענען נישט געווען ביים רבי'ן, מען האט דאך דעם רבי'ן פארלייקענט, דער רבי האט נישט געוואוסט (שנפטרו)! ווי האט מען געקענט דעם רבי'ן פארלייקענען? אז דאס קינד איז געווען אין שטוב האט מען געקענט פארלייקענען?! דער קינד איז נישט געווען אין שטוב!

אויך דארטן ביי די טאכטער (הילדה פיגא בת רביז"ל)[לט] - דאס קינד איז נישט געווען אין שטוב, און די הסתלקות איז אויך געווען נישט אין שטוב, האט מען געקענט פארלייקענען פאר'ן רבי'ן א שטיקל צייט! דער רבי האט ממילא געוואוסט ברוח הקודש - -

- אזוי האט מיר געזאגט 'נאשקע' עליו השלום, אז ער האט געהערט פונעם פעטער און פונעם זיידע'ן, אז דאס קינד ליגט אין טולטשין!

*

(השואל; דעם רבי'נס פאטער - רבי שמחה - ווייסט מען ווי ער ליגט?) יא, ער ליגט אין מעזיבוזש! (השואל; לעבן דעם בעל שם טוב?) ער ליגט אין מעזיבוזש! איך האב

---

[לו] מענין הילד הקדוש הזה עי' חיי מוהר"ן סי' כ"ח, קנ"א, קע"ז. ימי מוהרנ"ת אות ה', י"א.

[לז] ר' נאשקע טולטשינ'ער ז"ל, ה"ה ר' נחמן ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת ז"ל, מחשובי אנ"ש.

[לח] מענין הילד הזה עי' ימי מוהרנ"ת אות י"ד.

[לט] עי' חיי מוהר"ן אות י"ב.

געפרעגט דארטן, זיי ווייסן נישט וואו, ער ליגט נישט לעבן דעם בעל שם, נאר ער ליגט אין מעזיבוזש!

(השואל; איר האט געהערט אז ער איז געווען א חזן אין מעזיבוזש?) יא, ער האט געדאווענט פאר'ן עמוד, ביי די חברייא, ביי די חברייא פונעם בעל שם איז ער געווען דער בעל תפילה!

אין מעזיבוזש אין געווען דער בעל שם'ס בית המדרש, דער בעל שם'ס בית המדרש איז נאך געווען אין אונזערע צייטן אויך, אן אלטע בית מדרש.

און ווייטער איז געווען א חדר'ל, וואס מען האט עס גערופן "דער מגיד'ס חדר", דער מעזריטש'ער מגיד האט נישט געקענט דאווענען צוזאמען מיט קיין מענטשן, מען האט נישט געקענט צורירן צו איהם, ער איז געווען א גרויסער חולה, אז מען האט צוגערירט צו איהם, איז געווען ווייטאגן געוואלדיג גרוים, דערפאר האט ער געהאט א באזונדערע חדר, דער חדר איז געווען אפן, נאר מען האט עס גערופן 'דער מגיד'ס חדר'.

*

(השואל; און וואו איז געווען דער בעל שם טוב'ס דירה - דארט וואו דער רבי איז געבוירן געווארן?) וויים איך אויך נישט, איך ווים נישט! (השואל; דער רבי איז געבוירן געווארן אין דער בעל שם טוב'ס חדר?) יא יא!

רבי הערש (- בנו של הבעל שם טוב הק') איז געווען פארמעגליך, האט ער נישט געדארפט ירש'נען די שטוב, אדל'ע איז געווען ארים - האט זי גע'ירש'ענט די שטוב - דעם טאטע'נס שטוב! און אז זי האט חתונה געמאכט דער טאכטער פיגא'לע, האט זי איר אוועקגעגעבן די שטוב!

אז זיי (- האחים הקדושים של פיגא'לע, הדגל מחנה אפרים ורבי ברוך'ל זצ"ל) האבן חתונה געהאט, איז פארקערט - האבן דאך יענע געגעבן נדן (חותניהם), (מה שאין כן -) אדל'ע האט געדארפט געגעבן דעם חתן נדן, האט זי אוועקגעגעבן די שטוב - דער בעל שם הקדוש'ס שטוב האט זי אוועקגעגעבן זיי!

נו, דארטן האט געוואוינט רבי שמחה, דארטן האט רבי שמחה געוואוינט, דארט פלעגן זיך צונויף קומען די גאנצע חברייא דארט - פונעם בעל שם טוב. (השואל; דארטן האט דער רבי געהערט די אלע סיפורי מעשיות פון צדיקים?) יא יא!

(אחד מהנוכחים; רבי בנציון אפטער ז"ל האט מיר דערציילט אז מיין באבע'ס טאטע, 'הערצעלע' פון מעזיבוזש האט געהאט די שטוב פונעם בעל שם טוב, ער האט דארטן געוואוינט!) אזוי? (הנ"ל; יא, אין דער צימער פונעם בעל שם טוב האט ער נישט געוואלט שלאפן דארט, האט ער געלייגט דארטן ברעטער, ער האט מורא געהאט!)

- - איך האט נישט געקענט זיין זיידע'ן? איך האב איהם גוט געקענט! (השואל; ער איז געווען א ברסלב'ער?) ער פלעגט קומען צו אונז!

(הנ"ל ממשיך; רבי בנציון האט געזוכט ווי אזוי צו אריינגיין צו די שטוב, האט ער געבעטן פון איהם אז ער זאל איהם לאזן איין נאכט שלאפן דארט, ווייל ער האט געוואלט זעהן די שטוב פונעם בעל שם טוב, האט ער איהם געפרעגט וואו איז די צימער פונעם בעל שם טוב? האט ער איהם געזאגט, דא קען מען נישט אריינגיין, ס'איז פול מיט ברעטער, ער האט מורא!) אזוי? ווי קומט עם (- די דירה) צו איהם? (הנ"ל; ער האט דערציילט, אז ס'איז געווען שפעטער מחלוקת מיט די יורשים, און ער האט עם אפגעקויפט, ס'איז נישט געווען אזוי - מען האט עם אפגעקויפט און פארטיג!) אזוי? ס'איז מיר א נייע זאך!

ער האט געהאנדלט מיט מילך האט ער געהאנדלט - דער זיידע 'הערצעלע' - מיט מילך! יא, איך האב איהם גוט געקענט. און ער איז געווען אין אומאן, ער איז עטליכע מאל געווען אין אומאן!

(אחד מהנוכחים; ער איז געווען רבי חיים בנימין'ס [בראד?] שווער?) יא יא, ער איז געווען א איש פשוט, ער האט געפאסט צו חיים בנימין, געזיצן און גערעדט און דאס - - הא, פיין פיין! יא, איך געדענק נישט דעם שידוך? איך געדענק גוט דער שידוך - -

*

# 'ובכן מה נהדר היה כהן גדול'...

(השואל; ווי אזוי איז געווען די מעשה פון די סדר? רבי נתן האט געוואלט זיין ביים רבי'ן יענע סדר?) ער איז געווען אין מעדוועדיווקע דעמאלטס, דער רבי האט געהאלטן דעם פסח אין מעדוועדיווקע, רבי נתן איז אויך געווען, רבי נתן האט געוואלט זיין ביים רבי'ן פסח, אבער ביים סדר נישט, דער רבי האט נישט געלאזט קיינעם זיין!

- ביים רבי'ן איז געווען, א גאנץ יאר איז דער רבי נישט געגעסן ביי איין טיש מיט די בני בית, נאר פסח איז געווען א לאנגער טיש פון צוויי חדרים, דער טיש איז

געגאנגען דורך - דער טיר האט איבערגעהאקט צווישן, א לאנגער טיש - און די בני בית איז געזיצן אין דעם אנדערן חדר ביי דעם אייגענעם טיש!

פארשטייסט וואס איך מיין? א לאנגער טיש וואס דאס האקט איבער - צוויי חדרים, איז די בני בית געזיצן ביי דעם אייגענעם טיש, אבער אן אנדערן חדר!

א גאנץ יאר האט דער רבי נישט געזיצן ביי איין טיש מיט די בני בית, נאר פסח אויפדערנאכט האט ער גענומען א לאנגע טיש, דאס הייסט צוויי חדרים - וואס האט דורכגעהאקט, און די בני בית איז געזיצן ביי איין טיש, נאר אין אן אנדערן חדר.

און רבי נתן איז געווען ביי אן אנדערן, האט ער זיך צוגעאיילט זיך ענדיגן דער סדר פריער, ווייל ער האט געוואלט זעהן דעם רבי'ן ביים סדר, ווען ער איז אדורך, האט דער רבי געהאלטן דעמאלטס ביי 'שפוך חמתך', דער רבי האט געהאלטן דעם כוס אין דער האנט ביי שפוך חמתך!

(השואל; נישט אז ער האט געמוזט דורכגיין ווייל ער האט געהאט א צימער אינעווייניג?[מ])

ניין, ניין! ער האט געוואוינט גאר אין אן אנדערן שטוב פאר די סדר, ער האט געוואלט עקסטער - געוואלט דורכגיין! דער רבי וואלט מקפיד געווען דאס אויך, איז ער געגעבן א גיי אדורך גיך!

האט ער געדאנקט תמיד - "איך האב געזעהן דעם רבי'ן ביים סדר"! ער האט געזעהן דער רבי'נס צורה ביים סדר, אנגעקוקט דער רבי'ן ביים סדר! (השואל; ער איז בכלל נישט אריין אינעם דירה?) ער איז דורכגעגאנגען!

*

# 'והזריז הרי זה משובח'...

(השואל; וואס האט דער רבי געזאגט רבי נתן'ען דארטן? ס'איז געווען דער חתונה [- של בת רביז"ל] - אין 'וואלטשיסק', האט דער רבי געזאגט 'גיי יא'?) רבי נתן איז געגאנגען אין מקוה (פרייטאג) אינדערפרי, פאר'ן דאווענען. אבער ער האט געוואוסט אז בייטאג וועט זיין זייער שווער, ס'איז געווען אזוי שווער ענג אז מען האט נישט געקענט גיין אין די גאסן.

[מ] עי' אבני"ה ברזל אות י"ב.

אזוי איז געווען, די גאנצע גאס איז געווען ענג, ס'איז געווען אסאך רבי'ס, וואלטשיסק איז טאקע א גרויסע שטאט, אבער ס'איז געווען אזוי געפאקט!

ער האט געוואוסט אז די מקוה - דער רבי איז זייער מקפיד מען זאל נישט פארבייטן די 'אָנטוהן', איז "ווי קען ער גיין"? - האט ער געזאגט (כי מרוב הדחק חשש שמא יוחלפו לו הבגדים), איז ער נישט געגאנגען! (ער האט געטראכט;) "כ'בין געגאנגען אינדערפרי, בין איך שוין יוצא אזוי"!

די חתונה איז געווען אין וואלטשיסק, פרייטאג, - - - 'מרים' דעם רבינ'ס טאכטער, זי איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל (שפעטער).

דער רבי האט געזאגט צו אונזערע לייט; "איך האב געוואלט מען זאל גיין אין מקוה אריין, און נישט פארבייטן זיך"!! האט ער (- רבי נתן) זיך אנגערופן; "איך בין שוין געווען היינט אין מקוה"! זאגט דער רבי; "גיי איצטער און פארבייט דיך נישט"![מא]

איז רבי נתן געווען אזא מין זריז, ממש אויף די הענט איז געפלויגן די 'אנטוהן' (הבגדים) - און שוין, ער איז שוין אינדרויסן!

*

רבי אברהם ר' נחמנ'ס - איך בין געווען מיט איהם אין בארדיטשוב אין מקוה, ביז איך האב זיך געגעבן א ריר איז ער שוין געווען אנגעטון! ביז איך האב זיך געגעבן א ריר, ער איז שוין אנגעטון!

(העולם היו תמהין); "ווען איז ער געווען אין מקוה"? ער איז שוין אנגעטון! ער איז שוין געווען אינדרויסן! און שוין. ער רעדט שוין צום אויבערשטן, און שוין!

בכיוון קען איך איהם נישט נאכמאכן, בכיוון קען איך נישט, אזא זריזות איז געווען!

---

[מא] עי' שיש"ק ח"ב אות ר'.

און רבי אברהם האט דערציילט, אז די זריזות פון רבי נתן איז געווען נאך פיל מערער, דאס זריזות פון רבי נתן'ען איז געווען געוואלדיג נאך פיל מערער, מען האט איהם נישט געקענט בשום אופן נאכטוהן![מב]

ווען דער בארדיטשובער רב האט געזעהן זיין זריזות, דער בארדיטשובער רב איז א שטיק צייט איז ער געפארן - האט דער רבי געזאגט (צו רבי נתן) אז ער זאל פארן און איהם משמש זיין - דער בארדיטשוב'ער רב - - -[מג] (כאן חסר)

*

(השואל; דער עולם איז געווען צוזאמען מיט'ן רבי'ן שלש סעודות? מען זאגט אז אלעמאל האט דער עולם געווארט אינדרויסן?!) די זעקס שבתים וואס דער רבי פלעגט זאגן תורה - די זעקס זמנים אין יאר - איז מען דאך געווען מיט'ן רבי'ן צוזאמען! און די וואס איז נישט געווען די זמנים, איז דער רבי געווען ביי זיך.[מד]

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **מרדכי בוידעק** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת נישואי בנו החתן **דוב** הי"ו
**למזל טוב**

מוה"ר **אהרן נזרי** הי"ו
לאנדאן יצ"ו
לרגל שמחת נישואי בנו החתן **בנימין משה** הי"ו
**למזל טוב**

מוה"ר **יעקב יואל פיש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

לזכר נשמת ר' **אברהם** ע"ה בן ר' **משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דר"ה תשע"ט תנצב"ה

החתן כמר **אהרן שמואל האלד** הי"ו
**נדבת חבריו וידידיו לרגל שמחת נישואיו עב"ג**
בת מוה"ר **שמואל שמעלקא פריעדמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**למזל טוב**

הבחור החתן כמר **שמעון כהן** הי"ו
**נדבת חבריו וידידיו לרגל שמחת אירוסיו עב"ג**
בת מוה"ר **שמשון רפאל ערלאנגער** הי"ו
ירושלים עיה"ק תובב"א
**למזל טוב**

---

[מב] מענין זריזותו הנפלאה, עי' פרפראות לחכמה סי' ס"ג אות ז'.

[מג] עי' שיש"ק ח"ב אות צ"ו, ואות תרי"א.

[מד] עי' חיי מוהר"ן אות קכ"ו, ואות שפ"ז.